בס״ד

in partnership with
JCCGCI




# ווילאמסבורג פרנסה הילף פראיעקט

## וברכתיך בכל אשר תעשה!

אזוי ווי אלע אונזערע סערוויסעס, ווערן די טרעינינג קלאסן און אלע פרנסה הילף סערוויסעס צוגעשטעלט געונצליך אומזיסט.

**לכבוד די חשוב׳ע ווילאמסבורגער איינוואוינער הי״ו,**

מיר זענען צופרידן אייך ב״ה פארצושטעלן אונזער ״פרנסה הילף פראיעקט״ - אין צוזאמענארבעט מיט די אידישע קאמיוניטי קאונסיל פון גרעיטער קאני איילאנד (JCCGCI) מיטן ציל בעז״ה ארויסצוהעלפן דעם ציבור מצליח זיין מיט פרנסות, דורך באקומען גוטע דזשאַבס, שטייגן אין א קאריעריע, אדער צו לערנען קוואליפיקאציעס בעז״ה צו זיין דערפאלגרייך אין ביזנעס בעז״ה.

די יו.דזשעי.א. העלפט ארויס טויזנטער ווילאמסבורגער איינוואוינער יערליך צו באקומען רעגירונג הילף צו קענען שפייזן זייערע משפחות, אומזיסטע העלט אינשורענס, האוזינג סובסידיעס און נאך. מיר ווייסן אבער אז יעדנ׳ס שטרעבן איז צו זיין זעלבסטשטענדיג און בעז״ה קענען אליין פארדינען, און אייגענטליך דאס איז די גרעסטע הילף וואס מען קען געבן פאר א מענטש, זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס, אזוי ווי דער רמב״ם זאגט אז דאס איז די העכסטע מדריגה אין צדקה.

צו דערגרייכן דעם ציל, איז שוין ב״ה לאנגע יארן וואס די UJO און JCCGCI שטעלן צו קורסן זיך צו לערנען קענטעניסן צו קענען באקומען מכובד׳יגע פאזיציעס. אונזערע קלאסן זענען ב״ה צוגעשטעלט לאקאל. די קורסן און די טיעטשערס זענען ספעציעל געאייגנט פאר׳ן ציבור, צו באקומען אין א קורצע צייט קוואליפיקאציעס - א שטייגער ווי מייקראסאפט און קוויקבוקס סערטיפיקאציעס - צו קענען מצליח זיין. אונזער ווארקפארס פראגראם האט שוין ב״ה געהאלפן גאר אסאך איינוואוינער צוקומען צו הערליכע פרנסות, און טייל באטייליגטע זענען היינט גאר שיין מצליח אין די IT, ריעל עסטעיט און קאנסטראקשען אינדוסטריע אז זיי שטעלן שוין צו ארבעטס-פלעצער פאר אנדערע.

ווי אויך זענען מיר זייער צופרידן צו האבן אנגעהויבן - מיט די היברו פרי לאון סאסייעטי - דעם ׳פתוח׳ פראגראם. עס האט שוין צוגעשטעלט 6.7 מיליאן דאלאר אין הלוואות פאר מער ווי 250 ביזנעסערביים ציבור צו קענען בעז״ה אנהייבן אין שטייגן אינעם עולם המסחר.

ב״ה אז ניו יארק סיטי האט אנערקענט די וויכטיקייט צו פארמערן די סערוויסעס פאר׳ן ציבור, אדאנק וואס מיר ברייטערן איצט אויס דעם ׳פרנסה הילף פראיעקט׳ אייך אנצוגריין צו קענען טרעפן פרנסות און בשייכות׳דיגע הילף.

פאלגענד איז אן איבערבליק פון די סערוויסעס. מיר קוקן ארויס אייך צו באדינען.

בכבוד רב,

**הק׳ משה דוד ניעדערמאן**

אין צוזאמענארבעט מיט
*JCCGCI*

ווילאמסבורג פרנסה הילף פראיעקט

*Address: 32 Penn Street,*
*Brooklyn, NY 11249*
*Email: workforce@unitedjewish.org*
*Phone: 718.643.9700 X 227*

וברכתיך בכל אשר תעשה!
מיר קוקן ארויס אייך בעז״ה צו העלפן
מיט די השתדלות צו קענען מצליח זיין.

אזוי ווי אלע אונזערע סערוויסעס, ווערן
די טרעינינג קלאסן און אלע פרנסה הילף
סערוויסעס צוגעשטעלט געונצליך אומזיסט.

# קלאסן

## ענגליש ESL Class

2-3 מאל א וואך | טאג אדער אווענט שעות

אין בלויז עטליכע חדשים, לערנט זיך אויס בעסער צו:

- פארשטיין • רעדן • ליינען • שרייבן • און קאמיוניקירן אין ענגליש

געאייגנט פאר די וואס זוכן א דזשאב, אדער ווילן בעז"ה שטייגן אין זייער דזשאב: א פראפעסיענאלן ענגליש און ביזנעס קאמיוניקאציע קען באדייטענד העכערן אייער ווערד פאר איצטיגע און פאטענציעלע ארבעטס-געבער.

- לערנט אויך צו שרייבן א רעזומעי
- זיך צוגרייטן צו אינטערוויוס

קלאסן הייבן זיך אן עטליכע מאל א יאר

קומט אריין צו די UJO, רופט אדער אי. מעילט ארויפצוגיין אויף די ליסטע פאר די קומענדיגע קלאסן.

## קאמפיוטערס און קוויקבוקס

2-3 מאל א וואך | טאג אדער אווענט שעות

אין דעם קלאס וועט איר בעז"ה זיך אויסלערנען די וויכטיגסטע קאמפיוטער פראגראמען וואס מ'דארף קענען אין רוב אפיסעס און אנדערע ארבעטספלעצער, ווי אויך צו קענען פירן אן אייגענע ביזנעס.

אלגעמיינע קאמפיוטער קענטעניסן שליסט אריין די וויכטיגע אפיס פראגראמען:

- ווארד
- עקסעל
- קוויקבוקס בוק-קיפינג פראגראם

קלאסן הייבן זיך אן עטליכע מאל אין יאר

קומט אריין, רופט אדער אי. מעילט אונזער אפיס ארויפצוגיין אויפ'ן וועיטינג ליסטע

## פתוח ביזנעס סערוויסעס Entrepreneurship Services

צוגעשטעלט דורך די Hebrew Free Loan Society

איר וועט בעז"ה איינהאנדלען קענטעניסן צו קענען פירן א ביזנעס, אריינגערעכנט:

- ביזנעס פלאנירונגען,
- ביזנעס פינאנצירונגען
- צוזאמענשטעלן און זיך האלטן צו א בודזשעט
- שרייבן א ביזנעס פלאן.

איר קענט אויך אפלייען פאר ביז

**$50,000**

אינטערעסט-פרייע ביזנעס הלוואות ביים אנהייבן אדער אויסברייטערן אייער ביזנעס.

רופט אדער אי. מעילט פאר מער אינפארמאציע און ארויפצוגיין אויף די ליסטע פאר די קומענדיגע ביזנעס קלאס

דער 'פתוח' פראגראם מיט די יו.דזשעי.אָ.

האט שוין געהאלפן ביזנעסער מיט

**6.7 מיליאן דאלארן**

אין הלוואות

אין די לעצטע יארן

## פארבינדט אייך מיט אונז צו :

- אנאליזירן וועלכע הילף איז געאייגנט פאר אייך, ווי:
- ענגליש קלאסן
- קאמפיוטער קלאסן
- אנדערע טרעינינגס וואס וועלן אייך העלפן אי"ה צו קענען צוקומען צו א קאריערע צו וואס איר שטרעבט;
- רעפעראלס צו פאסיגע טרעינינג פראגראמען;
- זיך אנשליסן אין ווארקשאפס וואס מיר וועלן אי"ה צושטעלן ווי אזוי בעסער צו פירן א בודזשעט און צו שפארן געלט
- איבערצושמועסן צו וועלכע הילף איר וועט בלייבן בארעכטיגט צו דעקן אייערע לעבנס קאסטן ווען איר הייבט אן דעם דזשאב - צ.ב.ש. אומזיסטע מעדיקעל אינשורענס און אנדערע הילף מיטלען וואס איר קענט האבן אפילו מ'הייבט אן צו פארדינען.
- רעפעראלס און הילף מיט טרעפן פרנסות.
- באקומען ראט און אנווייזונגען ווי אזוי אנצוהאלטן א דזשאב, נעמען ריכטיגע פינאנציעלע שריט, און הילף מיט שטייגן אין אייער קאריערע.

מיר גרייט זיך בעז"ה אפצוהאלטן ווארקשאפס, וואו איר וועט קענען באקומען א קורצן איבערבליק פון ספעציפישע אינדוסטריעס און קאריערעס. אויב זענט איר אינטערעסירט בעסער צו פארשטיין א געוויסע אינדוסטריע, און צי דאס קען זיין געאייגנט פאר אייך, ביטע גיט דאס איבער ווען איר רעדט צו אונזער קעיסווארקערס. מיר וועלן אי"ה ארבעטן צו צושטעלן ווארקשאפס אויף וואס עס איז דא די שטארקסטע אינטערעסע.

## מיר קוקן ארויס אייך צו באדינען!